# מיט א טיפערן בליק
# פרשת נח תשפ"ב
# ווי א קליינע טויבעלע..!

בס"ד

א גוטן טייערע חבירים וידידים..!

שטייענדיג בסייעתא דשמיא ביים שוועל פון חודש חשון, ס'איז א פרישע זמן, א פרישע התחלה. מיר זענען נאך אונטערן רושם פון די הערליכע און דערהויבענע ימים טובים וואס מ'האט געפראוועט אינאיינעם איש על מחנהו ואיש על דגלו, די הערצער זענען נאך אפן פון די לעכטיגע און ווארימע תפלות פון ראש השנה און יום כיפור, און די נפש אָטעמט נאך די דביקות און שמחה וואס מ'האט געהאט אינעם זמן שמחתינו, ווען מיר זענען אלע געזעצן אינעם דירת עַראי, יעדער איינער פון קליין ביז גרויס האט זיך אביסל אוועקגעריסן פון די טאג טעגליכע גערויש, פון די 'דירת קבע' אין וואס מיר זענען פארזונקן אין די פארנומענע טעג פון יאר, און מיר זענען ארויסגעגאנגען זיצן בצילא דמהימנותא, אונטער די ליבליכע שאטן פון אבינו שבשמים וואס האט אונז דערנענטערט צו זיך און אונז געגעבן אזעלכע זיסע טעג, טעג פון עבודה און התקרבות לה', טעג אין וועלכע מיר האבן זיך געפריידט מיט זיין תורה און מצוות, און דערהערט דעם **אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים**, אז דאס איז אונזער גאנצע תכלית און ציל, מיר ווילן זיך דערנענטערן נאך א טריט, מיר ווילן שטייגן נאך אביסל העכער, מיר ווילן ערפילן אונזער **וְתֵן חֶלְקֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ** און זיין אַן ערליכער איד, זיין א עבד נֶאמן וואס טוט דעם רצון ה'.

מיר שטייען אין פרשת נח וואס ווערט געלערנט אט אין די תקופה פונעם איבערגאנג, ווען מיר גייען ארויס בין קודש לחול, ווען מיר שטייען ביים שוועל פון "צוריק אין חדר אריין" (ווי מ'פלעגט אונז טשעפענען ווען אונז זענען געווען קינדער) ווען מ'גייט צוריק צו די געווענליכע לעבנס שטייגער, צוריק צו די ארבעט, צוריק צו די וואכנדיגע סביבה. און בעצם א צייט ווען מיר אלע ווילן דאָך אודאי אנהייבן אויסצופירן למעשה די אלע גוטע קבלות און שאיפות וואס מיר האבן געטראכט און געפלאנט במשך די ימים נוראים. אשר על כן איז דאָך זיכער כדאי זיך צו פארטיפן און אפלערנען די פרשה צו הערן וואס מיר קענען ארויסנעמען פון דא אויף אונזער מדריגה, און בעזרת השי"ת זוכה זיין ארויסצונעמען די ריכטיגע חיזוק און הדרכה פארן טאג טעגליכן לעבן.

פרשת נח ווי באקאנט, הייבט זיך אָן מיט די מעשה פונעם דור המבול, די מענטשן פונעם דור המבול האבן געזינדיגט, גע'גזל'ט און שלעכטס געטון, און השי"ת האט באשלאסן אז מ'גייט זיי באשטראפן. נח איז געווען דער איש צדיק תמים וועמען השי"ת האט באפוילן צו בויען א תיבה במשך די לאנגע תקופה פון הונדערט און צוואנציג יאר, ווייל אפשר וועט ער דורך דעם קענען משפיע זיין אויף די הערצער פון זיינע שכנים אז זיי זאלן תשובה טוען, זיי וועלן זעהן ווי ער שטייט מיט אזא מסירות נפש, און בויעט א ריזיגע תיבה, טאג נאך טאג, וואך נאך וואך, און חודש נאך חודש, ווייל ס'גייט קומען א מבול וואס גייט אפווישן און חרוב מאכן די גאנצע וועלט. למעשה האט דאס אבער קיין סאך נישט געהאלפן, די מענטשן האבן נישט תשובה געטוהן, און נאר נח מיט זיינע קינדער זענען געראטעוועט געווארן פונעם מבול, אינאיינעם מיט אלע בעלי חיים וואס השי"ת האט זיי געהייסן אריינעמען אין די תיבה, כדי צו קענען איבערפלאנצן און אנהייבן פון פריש א נייע וועלט.

ווען די מבול האט זיך געענדיגט, און נח האט נישט געוואוסט אויב מ'קען שוין ארויסגיין פון די תיבה, אויב ס'איז נאך דא וואסער אויף די וועלט אדער נישט, איז די תורה הק' מאריך און דערציילט אונז אז קודם האט נח געשיקט א עוֹרֵב - א רויב פויגל זאל גיין קוקן וואס טוט זיך, אבער די עורב האט נישט געוואלט גיין, די עורב האט חושד געווען אז נח מיינט זיין שלעכטס ווי חז"ל זאגן אונז. ענדליך האט נח געשיקט א 'יונה' א כשר'ע טויב צו זעהן אויב די וואסער האט שוין נאָכגעלאזט, וְלֹא מָצְאָה הַיּוֹנָה מָנוֹחַ לְכַף רַגְלָהּ - די יונה האט אבער נישט געפונען קיין פלאץ וואו אראפצושטעלן אירע פיס וויבאלד די וועלט איז נאך געווען פיל מיט וואסער, און זי איז צוריקגעקומען צו נח. דערנאך האט נח געוואַרט נאך זיבן טעג און ער האט צום צווייטן מאל ארויסגעשיקט די יונה וואס דעמאלטס איז זי שוין צוריקגעקומען מיט א בלעטל פון א איילבירט בוים אין מויל. און דערנאך האט נח געוואַרט נאך זיבן טעג און ארויסגעשיקט די טויב פון דאסניי, אבער דאסמאל איז זי אוועקגעגאנגען און מער נישט צוריק געקומען, און פון דעם האט נח פארשטאנען אז די וואסער איז שוין אראפגעגאנגען, און מ'קען שוין ארויסקומען פון די תיבה.

צוביסלעך איז די וועלט צוריק געווארן וועלט, אלעס ווערט צוריק באוואוינט, עס פאַרמערן זיך די מענטשן מיט די בעלי חיים, דאס לעבן גייט צוריק צו נארמאל. אבער אביסל שפעטער אין די המשך הפרשה האבן מיר די געשיכטע מיט'ן דוֹר הַפְּלָגָה, די מענטשן אין יענעם דור האבן זיך צוזאמענגענומען אינאיינעם מיט א פלאן אז מ'גייט בויען א ריזיגע טורעם וואס וועט דערגרייכן ביז'ן הימל, און אזוי וועט מען ארויפגיין מלחמה האלטן מיט'ן בורא עולם ח"ו, זיי ווילן מאכן זיכער אז ס'וועט מער נישט קומען קיין מבול אויף די וועלט און אז השי"ת זאל זיי מער נישט קענען באשטראפן, און דעריבער זענען זיי פאראייניגט מיט א שטארקייט, א פעסטע רצון און א החלטה אז מ'גייט אהערשטעלן א טורעם אזאנס און אזעלעכס וואס די וועלט האט נאכנישט געזען, מ'גייט ארבעטן צוזאמען פאר די גרויסע מטרה.

הקב"ה זעהט זייערע שלעכטע פלענער און מעשים, און זאגט אז די שורש פון זייער פראבלעם איז דאס אז זיי רעדן אלע די זעלבע שפראך און פארשטייען זיך איינעם דעם אנדערן, און דאס האט גורם געווען אז זיי זאלן זיך קענען פאראייניגן און צוזאמשטעלן צו טוען אזא געפערליכע זאך, און דעריבער איז זייער שטראף געקומען, **וְנָבְלָה שָׁם שְׂפָתָם אֲשֶׁר לֹא יִשְׁמְעוּ אִישׁ שְׂפַת רֵעֵהוּ** השי"ת האט צומישט זייער שפראך אז פלוצלינג האט איינער אויפגעהערט צו פארשטיין דעם אנדערן, יעדער האט אנגעהויבן צו רעדן א נייע שפראך פאר זיך, און זיי האבן אויפגעהערט צו קענען קאמיוניקירן איינער מיט'ן צווייטן, דער האט געבעטן זיין חבר צו ברענגן א ציגל, און אנשטאט דעם האט אים יענער געברענגט ליים, און אזוי האבן זיי זיך אנגעהויבן ארומצוקריגן און הרג'ענען איינער דעם אנדערן, ווייל זיי האבן שוין נישט געהאט קיין וועג זיך צונויפצורעדן און פארשטיין וואס יענער וויל. און אויך האט זיי הקב"ה צוזייט און צושפרייט אין די גאנצע וועלט, **וַיָּפֶץ ה' אֹתָם מִשָּׁם עַל פְּנֵי כָל הָאָרֶץ**, ס'איז געווארן אויס חבורה, מער זענען זיי שוין נישט געווען צוזאמען, און דאס האט אינגאנצן געענדיגט זייער פלאן פונעם בויען דעם מגדל.

אז מיר ווילן אביסל אריינקלערן אין די צוויי מעשיות וואס זענען זיך פארלאפן אין יענע יארן נישט צו ווייט אוועק איינס פון די אנדערע, שטעלט זיך ארויס גאר א אינטערסאנטע בילד: ביי די מענטשן פונעם דור המבול איז געווען א משפיע, זיי האבן געהאט דער צדיק נח וואס האט גערעדט צו זיי, ער האט זיי כסדר מוסר געזאגט (הונדערט און צוואנציג יאר!), ער האט זיי געוויזן ווי ער גרייט זיך פיזיש פאר א מבול וואס גייט קומען צוליב זייער זינד, ער האט זיי פראבירט אויסצולערנען דעם דבר השם, אבער ליידער אָן הצלחה... נח איז געווען א רבי אָן קיין תלמידים, א 'משפיע' וואס האט נישט קיין 'מקבלים' ארום זיך, עס זענען נישט דא די כלים וואו מ'קען אריינלייגן אין זיי די געוואלדיגע ברכה וואס ער האט געהאט צו טיילן.

דאגעגן ביים דור הפלגה איז געווען פונקט פארקערט, דארט זענען געווען מענטשן מיט א פלאַן, מענטשן וואס זענען גרייט צו טוען, זיי ווילן ראטעווען די וועלט, זיי ווילן זיך פאראייניגן צוזאמען כדי צו פארמיידן אז ס'זאל נישט קומען נאך א מבול, זיי ווילן

אויפטוען פאר די מענטשהייט, עס האט זיי נאר געפעלט א 'משפיע', זיי האבן נישט געהאט א רבי אדער אן ערליכע איד, א נח אדער א אברהם אבינו וואס זאל זיי ריכטיג מדריך זיין און ערקלערן אז דאס איז נישט די וועג... **זייער פיין אז איר ווילט עפעס טוען פאר די וועלט, אבער די וועג וויאזוי מ'האלט צוריק א מבול איז דורך תיקון המעשים, דורכ'ן געפעלן פארן אייבישטער און זיין ערליך**. די אלע מענטשן זענען געווען אייגענע מקבלים און כלים אויסצופירן זייערע פלענער און רצונות, ס'איז נאר געפארן אינעם נישט גוטן ריכטונג וואס האט טאקע געברענגט צו זייער עונש און סוף.

און מיר קענען ברענגן אויף דעם פארשידענע מְשָלִים און דוגמאות וואס מאכן זיך כסדר ווי מ'טרעפט אזעלכע זאכן. וויפיל מאל זענען במשך הדורות געווען ערליכע אידן וואס האבן געהאט וואס צו פארקויפן, זיי האבן געלערנט דעם דבר השם, זיי האבן מוסר געזאגט, אבער ס'איז נישט געווען ווער ס'זאל דערהערן, די אויערן ארום זיי זענען געווען (אדער זענען נאך אלץ, ליידער) פאַרשטאָפּט און נישט געוואלט מקבל זיין. און להבדיל פארקערט וויפיל מאל נעמען זיך צוזאם מענטשן אין פארשידענע חלקים פון די וועלט, מ'בויעט אויף פאַרטייען, מ'שלעפט ארויס די מאסן און מ'פאַראייניגט זיך מיט א שטארקייט אויסצושרייען א געוויסע מעסעדזש אדער א השקפה וואס מ'וויל אויפקלערן פאר די וועלט. די שאָד איז נאר אז בדרך כלל זענען דאס אומריכטיגע און אומוויכטיגע זאכן, דברים של הבל און שטותים, און אסאך מאל אפילו שלעכטע זאכן, אויף וואס ס'ווערן אוועקגעשטעלט גאנצע מאָוומענטס אין די וועלט, אוי ווי גוט וואלט געווען ווען די זעלבע מענטשן וואלטן זיך געהאלטן צוזאמען און פאראייניגט צו קענען ארויסשרייען אמת'דיגע זאכן וואס דארפן א תיקון, ווען זיי וואלטן נאר פראבירט צו מאכן די וועלט עטוואס א בעסערע פלאץ. זיי זענען נעבעך דא אויפצוטוען, זיי זענען מקריב זייער לייב און לעבן צו פארשפרייטן זייערע איינגערעדטע מיינונגען, עס פעלט אבער די קלארקייט, די שכל הישר און ריכטיגע דעת צו וויסן וואס איז טוב און וואס איז רע.

דאס זעלבע פארשטייט יעדער זייער גוט ווען ס'קומט צו פראדוקטן, אמאל איז פארהאן א גוטע 'אייטעם' וואס מענטשן וואלטן געקענט הנאה האבן דערפון, א פראדוקט וואס קען צוניץ קומען און גרינגער מאכן דאס לעבן, אבער עס האט סתם נישט געהאט קיין מזל, קיינער ווייסט נישט דערפון, און אפילו די וואס ווייסן דערפון האבן נישט קיין צוטריט דערצו, מ'קען עס נישט קויפן גרינג, בלייבט דער משפיע אָן קיין מקבלים, עס איז דא, אבער קיינער האט נישט דערפון. ווייטער אמאל איז דא פארקערט, די וועלט וואַרט אויף א געוויסע זאך, עס וואלט געווען זייער נוצבאר אויב איינער וואלט געקענט ערצייגן א געוויסע פראדוקט וואס יעדער קען ווען נוצן, מען דארף עס האבן און ס'איז דא א פארלאנג, אבער קיינער נעמט נישט די מיה דאס צו מאכן, די קאמפעני'ס שטעלן עס נישט אהער, דעמאלטס זענען דא מקבלים אבער אָן קיין משפיע, די זאך אליינס איז נישט דא.

אבער פארוואס דארפן מיר דען קריכן אזוי ווייט... אט די זעלבע צוויי צדדים שפילן זיך אפ צומאל אינעם מענטש אליין, יא, אין מיר און אין דיר, און אין יעדן איינעם. עס שטייט אמאל א איד ר' ראובן נאך די ימים נוראים, ער האט געמאכט א שטיקל חשבון הנפש, ער האט זיך געפלאנט צו נעמען אין די הענט אריין, ער האט זיך מתבונן געווען אויף זיין סדר החיים ביז אהער און געזען ווי ווייט עס טויג נישט, ער ווייסט אז ער פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, נישט אין די ארבעט, נישט אין בית המדרש, און נישט אין זיין שטוב. ער ווייסט אז ער איז ליידער אסאך אדורכגעפאלן אין זיינע פשוט'ע פליכטן, ער איז נישט געווען קיין מענטש, ער איז נישט געווען א ריכטיגע טאטע צו זיין קינדער, און נישט געווען א מאן צו זיין ווייב (אדער פארקערט), **"ער ווייסט אז אין שטוב האלט די מצב פאר א 'מבול' וואס וועט לכאורה אויסברעכן אין די נאנטע צוקונפט ח"ו לויט זיין התנהגות"** ה"י. בקיצור, דער איד ווייסט פונקטליך וואס ער דארף טוישן, אויף וואס ער דארף תשובה טוען, ער האט געוואוסט קלאר ביי וועלכע 'על חטא' ער דארף קלאפן מיט מער כוונה, און ער האט גענוי ארויסגעהאט אלע זיינע שוואכקייטן. נישט נאר דאס, נאר אין זיין הארץ האבן זיך אנגעזאמלט פילע קליינע פינקען פון גוטע קבלות, ער האט געטראכט אז ער דארף פארבעסערן זיין באנעמונג מיט מענטשן, ער דארף מאכן מער צייט זיך אפצוגעבן מיט די קינדער, ער דארף זיך מחזק זיין אין קביעות עתים לתורה, זיין דאווענען דארף ווערן מער ערנסט, און אזוי ווייטער, א מסודר'דיגע רשימה פון אסאך זאכן וואס ער דארף / וויל טוישן באמת, ער האָפט אז ס'וועט קומען א בעסערע יאר ברוחניות ובגשמיות. אין זיין **מוח** איז דא דער חלק המשפיע, ער האט דארט א נח הצדיק וואס שטייט מיט'ן האמערל און בויעט א תיבה ווייל מ'האלט אט אט פאר א חורבן ח"ו, ער ווייסט פון אלעם, אבער... ביז ס'קומט צום הארץ. אויף יענע בריקל וואס ציעט זיך פון זיין מוח ביז זיין הארץ, דארט איז עפעס פאַרשטאָפּט, עס גייט גארנישט אדורך, ער האט נישט די כלים און די שטארקייט זיך טאקע צו נעמען אין די הענט אריין און אנהייבן טוען למעשה. ר' ראובן'ס אֵיבָרִים בלייבן שטעקן אזויווי די מענטשן פונעם דור המבול, זיי זענען נישט גרייט זיך צו געבן א ריר, און זיין הארץ איז נישט גרייט מקבל צו זיין די מוסר וואס ער ווייסט און הערט קלאר אין זיין קאפ.

מצד שני זיצט זיך אמאל שמעון, ער קען זיין א יונגערמאן, א בחור'ל, אדער סיי ווער, ער האט נאר וואס געענדיגט א לעבטיגע חודש תשרי, ער האט תשובה געטוען און גוט געדאווענט, **זיין הארץ פלאַמט מיט א תשוקה צום אייבישטער, ער איז באמת גרייט צו טוען למעשה**, ער איז בכלל נישט פויל, ער איז גרייט צו גיין מיט די פילסטע קראַפט, ער שפירט די ענערגיע און די כוחות הנפש וואס וואַרטן נאר אויפן באפעל, ער וועט טוען וואס עס פעלט זיך נאר אויס צו ווערן א בעסערע איד, צו ווערן מער ערליך, צו טוען דעם רצון השם. דער פראבלעם איז נאר אז ער ווייסט נישט וואס ער האט צו טוען, ער ווייסט נישט די אלף בית פון וואו מ'פאנגט אָן, וואס איז ריכטיג, וואס איז די בעסטע וועג מצליח צו זיין... אין די סביבה וואו שמעון דרייט זיך רעדט מען נישט די סארט זאכן, אה, דארט איז מען פארנומען מיט אנדערע 'וויכטיגע' זאכן, דארט איז מען פארנומען אויסצוגלייכן צווישן די דעמאקראטן און די רעפאבליקאנע, מען איז פארנומען מיט פארשידענע גרויסע געשעפטן, און אדורכטוהן ווער איז א אמת'דיגע עושר און ווער שפילט נאר גביר... זיינע חברים מיט וועמען ער פארברענגט האבן נישט געלערנט קיין סאך ראשית חכמה אדער מסילת ישרים און זיי האבן נישט וואס אים צו אפפערן אין רוחניות. אין אזא פאַל איז שמעון א 'מקבל' מיט'ן פולסטן ברען, ער האט די כלים און די גרייטקייט צו טוען למעשה, אבער ער האט נישט דער 'משפיע' דער רבי, מדריך אדער חבורה וואס זאל אים שטעלן אויף די פיס און אים ווייזן דעם וועג, אים העלפן שטייגן אין עבודת השי"ת, און אזוי בלייבט ער שטעקן פאַרפּלאָנטערט אין א סביבה וואס טויג נישט פאר אים, און בדרך כלל וועט ער דארט אריינגיסן זיין ענערגיע, ער וועט זיין דער 'מאַכער' און טוער צווישן די חברים, ער וועט פארברענגן זיינע טעג מיט שטותים און נארישקייטן, און די אלע גוטע מעשים וואס ער האט שוין געהאט אין די הענט וועלן פארן אין די נישט גוטע ריכטונג.

נו אויב אזוי וועט א מענטש פרעגן, וואס איז טאקע די עצה דערצו, פארוואס טאקע בלייב איך שטעקן מיט אלע קבלות און רצונות, איך שפיר זיך ממש ווי ראובן פונעם משל. אויך איך ווייס וואס איך דארף פארריכטן, כ'האב שוין געהאט עטליכע נקודות וואס כ'האב זיך געוואלט באמת נעמען אין די הענט אריין, אבער ס'קומט ראש חודש חשון, און איך בין דער זעלבער ווי פאַריאָר זוממער, קיין שום שינוי נישט, וואס גייט דא פאָר?! און דאס זעלבע איז מיט שמעון, וואס קען ער טאקע טוען צו שטייגן, וויאזוי קען ער מאכן זיכער אז זיינע פעולות און מעשים וואס ער איז טאקע גרייט צו טוען, וועלן זיין דאס וואס ריכטיג און אויסגעהאלטן.

די תשובה פאר 'שבט ראובן' איז לכאורה צוזאמגעשטעלט פון דריי קורצע און פשוט'ע פונקטן פון וועלכע מיר האבן שוין פילע מאל געשמועסט, אבער וויפיל מ'חַזר'ט עס איז

נישט געגוג, מיר דארפן דאס הערן איינמאל און נאָכאַמאָל ביז מיר וועלן עס ריכטיג דערהערן און קענען אויספירן ביז למעשה בסייעתא דשמיא.

א) על פי רוב האט א מענטש מורא אנצוהייבן אויספירן זיינע החלטות למעשה ווייל ער מאכט חשבונות, דער יצר הרע האט ליב אראפצומאָלן פארן מענטש א שלימות'דיגע בילד, ער מאכט די קבלה פאר א גרויסע בער וואס מוז קלאפן הונדערט פראצענט ער ווייסט אז ס'וועט נישט זיין פערפעקט, "איך וועל עס סיווי נישט קענען אנהאלטן צו לאנג", אדער "איך האב זיך ארויס, איך ווייס אז איך וועל דאס נישט קענען", ער האט מורא צו מאכן א נייע קביעות עתים לתורה אדער גיין צו א שיעור, ווייל די חברותא וועט נישט קלאפן, ווייל פלוני וועט לאכן, ווייל אין אפאר וואכן ארום וועט ער סיווי זיין זייער פארנומען און ער וועט נישט קענען, און אזוי ווייטער. בטבע האט קיינער נישט ליב צו זיין א 'דורכפאל' און א לא-יוצלח, און דעריבער איז אים אסאך בעסער נישט אנצוהייבן, ער וויל נישט נעמען די ריזיקע.

ווי מיר האבן שוין געשמועסט דערפון באריכות, אז יעדע טויש וואס מיר נעמען, יעדעס מאל וואס מיר רוקן זיך, יעדעס מאל וואס דער מענטש נעמט קוראזש און געבט א שפרינג אריין אין עפעס, איז פארהאן א צד פון נישט מצליח זיין, **יא ס'איז טאקע דא א מעגליכקייט אז מען וועט אדורכפאלן, און עם כל זה דארפן מיר עס טון, און ניין, עס מוז נישט זיין פערפעקט! זיכער נישט! ווייל אויב דו וועסטווארטן ביז ס'וועט זיכער קלאפן הונדערט פראצענט, וועסטו לכאורה קיינמאל אין לעבן נישט אנהייבן.** נאך מער, א אמת'דיגער מוצלח ווייסט אז דאס עצם שפרינגען, דאס עצם פרובירן, דאס איז טאקע מיין הצלחה, און דערפאר האט ער נישט קיין פחד פון א דורכפאל, איך מוז קודם אנהייבן, און איך מוז נישט דווקא אויספירן ביז'ן סוף, און אויב ס'וועלן זיך מאכן שטערונגען און שטרויכלונגען אינמיטן וועג און מיינע גוטע פלענער און קבלות וועלן זיך אויסלאזן מיט גארנישט, איז אויך נישט געפערליך, די וועלט קומט נישט צו א ענדע פון דעם. מען זעט אמאל אז אפילו די גרעסטע סוקסעספולע מענטשן קענען אונטערנעמען א פראיעקט, זיי גייען אריין מיט א פעסטן שטארקייט, און... מען פאַלט דורך. אויב האַנדלט זיך פון אַן אמת'ער שטארקער און אויסגעבויטער מענטש, וועט ער זיך קורצליך דערנאך אויפהייבן און אָנפאַנגן פריש. א טאג שפעטער וועט ער שוין ווייטער ארומלויפן זוכן א נייע זאַך אויפצוטאן, ווייל ער פארשטייט **"אז די גרעסטע דורכפאל איז איינער וואס טוט גארנישט צוליב פחד פון דורכפאלן, און די גרעסטע הצלחה איז איינער וואס פרובירט מיט א שטארקייט און זיכערקייט אויסצופירן זיינע שאיפות".**

ב) ווי די בעלי מוסר האבן אונז געלערנט, אז די עיקר פון אויספירן א קבלה איז דער פאַקט אז דער מענטש טראגט אויף זיך א 'קבלת עול', ער איז געבינדן צו טוען א געוויסע זאך, ער טראגט אויף זיך א יאָך פון התחייבות. דעריבער אפילו אויב ס'איז נאר א קליינע קבלה, א לייכטע זאך, אבער ער נעמט עס אויף זיך און ער הייבט עס אָן צו טוען, האט עס אויך די מעלה פון א קבלה. אויב ס'איז שווער אויסצופירן גרויסע און שווערע קבלות, דארף א איד נעמען אויף זיך קלייניגקייטן, א קליינע קבלה בנוגע דאווענען, א קורצע און לייכטע קביעות צו לערנען אפילו אביסל יעדן טאג, א קליינע שינוי לטובה אין זיין התנהגות אין א ספעציפישן ענין בין אדם לחבירו אדער אין שטוב, אפילו ס'איז נישט קיין גרויסע זאך וואס וועט אין אנהייב מאכן א ערנסטע חילוק, אבער אויב דאס איז וואס דו קענסט, דעמאלטס נעם זיך עס אונטער און הייב עס אָן צו טוען.

ג) די כוח פון א 'קביעות' צו טוען א זאך שטענדיג, נישט נאכלאזן. זייער אסאך מאל הייבט מען אָן צו טוען א זאך, אבער נאך צוויי טעג הייבט מען אָן נאכצולאזן, מ'לאזט אויס איין טאג און מארגן וועט מען שוין משלים זיין, מ'וועט זיך פארבעסערן דאָפלט מארגן אנשטאט היינט... די מציאות ווייזט אז לא זו הדרך, עס גייט נישט אזוי, מען מוז שטיין שטארק אויף די קבלה און נישט אויסלאזן קיין איין טאג. בפרט אז ס'איז א קליינע און לייכטע קבלה ווי פריער דערמאנט, דארף מען עס זען איינצוהאלטן מיט א אייזערנע שטארקייט, ווייל אין די מינוט ס'כאפן זיך אריין שפּאַלטן און התרשלות, און די פעסטע קביעות לאזט נאך, וועט דאס זיין א סיבה אז די גאנצע זאך זאל צופאלן. און אזוי געפונען מיר אין חז"ל אז דער הייליגע תנא רבי עקיבא האט געזען ווי די וואסער טראפט אויפן שטיין און עס מאכט א לאָך אינעם שטיין, די לאך קען נאר געשען אויב די וואסער רינט דארט מיט אַן עקשנות טאג נאך טאג מיט א רציפות, אויב איז עס איין טאג יא און צוויי טעג נישט, וועט קיין לאָך נישט ווערן.

און אז א מענטש האלט פאר זיינע אויגן די דריי כללים, אז ס'מוז נישט זיין פּערפעקט און ס'קען זיין אז ס'וועט זיך נישט אויסארבעטן געגוי ווי איך וויל, דאָך אבער איז דאס נישט קיין סיבה נישט אנצוהייבן, און אפילו ס'איז גאר א קלייניגקייט איז עס אויך חשוב און ס'הייסט אויך א קבלה, און דער עיקר איז אז כ'וועל עס אנהאלטן מיט א שטארקע קביעות און א רציפות יעדן איינציגסטן טאג אָן נאָכלאָזן, דעמאלטס וועט ער בעזרת השי"ת מצליח זיין, און ער וועט קענען צוביסלעך אנהייבן אויספירן זיינע שאיפות און גוטע רצונות, און ער וועט אליינס זעהן ווי צוביסלעך וועט ער זיך שטארקן און יא קענען מוסיף זיין נאך און נאך, פון א קליינע קבלה וועט ווערן מער, פון מקפיד זיין אויף תפלה בציבור וועט ער באקומען א טעם אין דאווענען, פון אינזין האבן איין שטיקל ביים דאווענען וועט ער מכוין זיין ביי מער שטיקלעך, פון זיך משתתף זיין ביי א שיעור 'נאר אויף יוצא צו זיין', וועט ער פלוצלינג אנהייבן צו שפירן א חיבור צו דאס וואס ער לערנט, ער וועט פארשטיין און הנאה האבן, ער וועט קענען מסיים זיין א פרק, א מסכתא, א סדר, ער מוז אבער זיין גרייט אנצוהייבן פון ערגעץ, און נישט זיך לאזן פונעם יצר הרע וואס פאָדערט נאר גרויסע און שלימות'דיגע זאכן, און לאזט אים נישט אנהייבן מיט קלענערס.

ווי זיס און ווי לעבטיג קענען מיר מרמז זיין דעם ענין אין אונזער פרשה, טאקע דארט ביי די מעשה פון נח מיט'ן מבול, אינעם דור וואו עס איז געווען א משפיע אָן קיין מקבלים, ווען נח האט געדארפט ארויסגיין פונעם תיבה און אנהייבן א נייע וועלט, א נייע מציאות, האט ער ארויסגעשיקט א יונה ווי פריער דערמאנט. לאמיר זיך מתבונן זיין אין עטליכע שטריכן פון די טויבן וואס זיי לערנען אונז מיט זייער הנהגה, און ווייזן אונז דעם וועג צו הצלחה.

מיר געפונען אז א יונה האט אין זיך א געוואלדיגע מידה פון תמימות און ריינקייט, און טאקע דערפאר געפונען מיר אין פארשידענע מקומות אז כלל ישראל איז צוגעגליכן צו א יונה. אין מדרש שוחר טוב שטייט אז אנדערע פייגלעך וועלן נישט צוריק קומען צו זייער נעסט אויב זיי באמערקן אז מ'האט אוועקגענומען זייערע קינדער פון דארט, אבער א יונה וועט יא צוריקגיין. און די סיבה דערצו איז, וויבאלד די יונה איז תמימות'דיג און ווייסט נישט פון קיין שלעכטס, דערפאר טראכט זי נישט אז איינער וויל איר שעדיגן אדער שלעכטס טוהן, זי מאכט נישט קיין חשבונות, און זי קומט צוריק אפילו אויב די קינדער זענען נישט דארט. און אזוי שטייט אין פסוק (הושע ז' י"א) "כְּיוֹנָה פוֹתָה", וואס איז א לשון פון טפשות און נארישקייט, און ווי דער רד"ק ערקלערט דארט, וויבאלד די יונה מיט איר תמימות כאפט נישט אז מ'וויל איר פאנגן, און ווען מ'שפרייט אויס קערנדלעך נעבן א נעץ כדי זי זאל אהינגיין, טראכט זי נישט קיין סאך, נאר זי גייט אהין, וויבאלד ס'פאלט איר נישט איין אז מ'מיינט איר שלעכטס, זי טראכט פשוט נישט פאָראויס און ס'פאלט איר נישט ביי וואס עס קען פאסירן.

דאס איז א רמז אויף כלל א' אז מ'מוז פארמאגן אין זיך א געוויסע מאָס תמימות, דער עוֹרֵב (רויב פייגל) גייט נישט ארויס ווייל ער מאכט חשבונות און דערפאר טרעפט זי טאקע נישט דעם נייעם וועלט, דער יונה פארמאכט די אויגן און טוט נישט קוקן וואס עס קען אלס פאסירן, מ'טאר נישט מאכן אזויפיל חשבונות וויאזוי מ'גייט אדורכפאלן, נאר מ'דארף בלינדערהייט אריינשפרינגען אין די פרישע קבלות, און ס'זאל זיין וואס זאל זיין.

נאך טרעפן מיר ביי די טויבן אז זיי זענען א 'מסתפק במועט' זיי באגנוגען זיך מיט ווייניג און פארלאנגן נישט קיין סאך. ווי **רב האי גאון** שרייבט (אין זיין שיר מוסר) אז א מענטש דארף זיך אפלערנען פון א יונה, פונקט ווי זי שטרענגט זיך נישט אן צו שטארק פאר איר שפייז, זי איז זיך נישט צופיל מטריח און זי וואַנדערט נישט צו ווייט אוועק צו טרעפן עסן, דאס זעלבע זאל א מענטש געדענקן און נישט טוהן צופיל השתדלות פאר זיין פרנסה.

ווי עס שטייט אין פסוק אז ווען נח האט צום צווייטן מאל ארויסגעשיקט די יונה, **"וַתָּבֹא אֵלָיו הַיּוֹנָה לְעֵת עֶרֶב וְהִנֵּה עֲלֵה זַיִת טָרָף בְּפִיהָ"** אז די יונה איז צוריקגעקומען אין אָוונט מיט א בלעטל פון א איילבירטן בוים אין מויל, און רש"י ברענגט בשם חז"ל אז דיווארט 'טָרָף' איז מרמז אויף פרנסה און שפייז, און די יונה האט געוואלט דערמיט מרמז זיין פאר נח **"יהיו מזונותי מרורין כזית בידו של הקב"ה ולא מתוקין כדבש בידי בשר ודם"**, אז זי פריידט זיך צו זיין א פרייע פויגל און באקומען פרנסה גלייך פונעם אייבישטער, אפילו אויב ס'וועט זיין ווייניג און ביטער, ווי איידער זיין אנגעוואנדן אין די הענט פון א בשר ודם, אזיווי ס'איז געווען במשך די גאנצע צייט פון די מבול ווען די יונה האט געדארפט צוקומען צו נח און זיך נישט געקענט אליינס שפייזן.

די יונה לערנט אונז דערמיט אז מיר דארפן נישט זוכן קיין 'גרויסע זאכן', נאר אפילו דאס ביסל וואס מיר קענען איז אויך חשוב. זי וויל בעסער ווייניג און ביטער, דער עיקר ס'זאל איר האלטן נאנט צו הקב"ה, זי זוכט נישט קיין 'דבש' קיין גרויסע זיסע (און פּערפעקטע) זאכן, זי וועט זיין צופרידן מיט וואס זי האט און זיך באגנוגן מיט א קליין בלעטעלע אויך.

און דריטענס, דער חתם סופר ערקלערט א דבר נפלא, אז אין אנהייב האט נח געוואוסט אז די וועלט איז נאך פיל מיט וואסער, און ער האט פארשטאנען אז די פויגל וואס ער וועט ארויסשיקן וועט סיווי נישט פליען צו ווייט, און דעריבער האט ער געשיקט א עורב. שפעטער ווען ער האט געוואַרט זיבן טעג און געוואלט נאָכאַמאל ארויסשיקן א עוֹף צו גיין זעהן די מצב אין די וועלט, האט ער געהאָפט אז דאָסמאָל איז שוין יא ערגעצוואו -אפילו ווייט אוועק- פארהאן עפעס א פלאץ ווי א הויכע בוים א.ד.ג. וואס שטעקט זיך שוין ארויס פון די וואסער וואו די פויגל וועט קענען אראפלייגן א פיס, ממילא האט ער מורא געהאט צו שיקן סתם א פייגל, ווייל אויב זי וועט פליען גאר ווייט און ווערן אויסגעמוטשעט אינמיטן וועג, וועט זיך דאָך ארייַנפאלן אין וואסער און שטארבן, נישט האבנדיג קיין שום פלאץ אינמיטן וואו זיך אפצורוען.

אבער ביי א יונה זאגן חז"ל **כנפיה מגינות עליה** אירע פליגלען טוען איר באשיצן, און ווי תוספות אין מסכת שבת איז מסביר (מ"ט.) אז די טויבן קען פליען מיט איין פליגל און ביזדערווייל אפרוען די אנדערע פליגל, און דערנאך טוישן זיי, זיי פליען מיט די צווייטע פליגל און רוען אפ דעם ערשטן. קומט אויס אז א יונה קען מען שיקן אפילו אויף גאר א ווייטע שליחות און זי וועט דאס קענען אויסהאלטן צוליב דעם וואס זי קען זיך אפרוען אינמיטן פליען. דערמיט איז מדוקדק גאר שטארק אין פסוק, ווען די יונה איז ארויסגעפליגן און זי האט למעשה נישט געפונען קיין שום אָרט וואו צו רוען, שטייט **וְלֹא מָצְאָה הַיּוֹנָה מָנוֹחַ לְכַף רַגְלָהּ** ווייל טאקע נאר צו אירע 'פיס' האט זיך נישט געטראפן קיין מקום מנוחה (וויבאלד אלעס איז נאך געווען באדעקט מיט וואסער) אבער אירע פליגלען זיי האבן נישט געדארפט קיין מנוחה, ווייל ווי געזאגט ווערן זיי קיינמאל נישט אויסגעמוטשעט אדער אפגעשוואכט פון פליען.

דאס איז ממש די דריטע כלל, דער מענטש דארף פליען און פליען מיט זיינע פליגלען אָן צו ווערן אפגעשוואכט! אנצוהאלטן די קבלות מיט פעסטקייט, מיט א מסירות נפש ממש אָן אויסלאזן אפילו איין טאג, און דאס וועט בעזהשי"ת זיין די שליסל צו זיין הצלחה.

פון דא גייען מיר אריבער צו אונזער פריינט ר' שמעון וואס איז געבליבן שטעקן מיט גוטע מעשים אין די הענט, ער וויל טוען און ער טוט, אבער נישט דאס ריכטיגע, זיינע מעשים פאָרן נישט אין די גוטע דירעקציע, אזיווי די מענטשן פונעם דור הפלגה וואס האבן געטוען למעשה, אבער געטוען דאס נישט ריכטיגע, און זיי זענען באשטראפט געווארן. לאמיר א מינוט אפלערנען דעם עונש וואס השי"ת האט געשיקט אויף זיי, ווי פריער דערמאנט האט דער אייבישטער צומישט זייער שפראך און פלוצלינג האבן זיי אויפגעהערט צו פארשטיין איינער דעם אנדערן, יעדער האט אנגעהויבן צו רעדן א נייע שפראך פאר זיך. און די צווייטע זאך וואס דער באשעפער האט געטוען מיט זיי, אז ער האט זיי ארומגעווארפן און אויסגעשפרייט אין די גאנצע וועלט, און געמאכט אויס חבורה.

בדרך רמז לערנען מיר דא די עצה פאר דער וואס געפונט זיך מיט מעשים און א תשוקה צו טוען גוטע זאכן אבער ער ווייסט נישט וואס צו טוען. חכמינו ז"ל זאגן אונז שוין אין פרקי אבות (פרק א' משנה ו') "עֲשֵׂה לְךָ רַב, וּקְנֵה לְךָ חָבֵר", די ערשטע זאך דארף ער זיך גיין זוכן א רבי א משפיע וואס וועט אים יא קענען וויזן און העלפן גיין אויפן ריכטיגן וועג, ער מוז דאָך האבן פון וועמען צו הערן די יסודות, אָן הערן א קלארע הדרכה און אנווייזונגען וויאזוי א איד דארף זיך פירן, וואס איז א מצוה, וואס איז א הלכה, וואס איז א מנהג, וואס מען מעג יא און וואס מען טאר נישט, אָן דעם איז דאָך אפילו נישט שייך אנצוהייבן, ער קען דאָך כמעט נישט זיין קיין איד אויב ער וועט נישט הערן וואס די תורה לערנט אונז און וואס דער אייבישטער פארלאנגט פון אונז, און דערפאר איז די וויכטיגסטע צו האבן א רבי און א מורה דרך וואס וועט אים לערנען און געבן צו פארשטיין וואס ער האט צו טוען.

און די זעלבע וויכטיג איז אויך די חברים און סביבה מיט וועמען מ'נעמט זיך ארום. דאס בלייבן זיצן ווייטער אין א חבורה וואס קען אים נישט העלפן אין עבודת השי"ת, א חבורה וואס וועט אים נישט מאכן שטייגן העכער און ווערן בעסער, דאס איז פון די גרעסטע נקודות פאר זיין דורכפאל, ווייל א מענטש ווערט אינגאנצן נשפע פון זיין סביבה, פון די מענשטן מיט וועם ער דרייט זיך, און דעריבער דארף מען זוכן אזעלכע חברים וואס ברענגן יא א תועלת. אמת ס'איז טאקע זייער שווער פאר א מענטש זיך אוועקצורייסן פון זיין געוואוינהייט און זיין סביבה, ס'איז אים זייער געשמאק ווייטער צו פארברענגען מיט די אלטע חברים, אבער אויב זענען זיי דאס פארקערטע פון תועלת פארן מענטש, זאגן אונז חז"ל "וּקְנֵה לְךָ חָבֵר" דו מוזט זיך קויפן גוטע חברים, א גוטע סביבה, אפילו ס'קומט אָן שווער, אפילו ס'גייט נישט אויף איין מאל (קנה איז טייטשט קויפן, אפילו ס'קאסט געלט) מיר מוזן באלאנגן צו אזא סארט סביבה וואו מ'הערט יא דעם דבר השם, וואו די אידן ארום אונז זוכן אויך צו ווערן בעסער און ערליכער און מער דערנענטערט צו אבינו שבשמים, און נישט פארקערט ח"ו.

און דאס האט הקב"ה געטוען מיט'ן דור הפלגה, ער האט פארשטאָפּט זייערע אויערן, זיי האבן אויפגעהערט צו פארשטיין יענעמ'ס רייד, זיי האבן שוין נישט געקענט ווייטער הערן, ווי אויך האט ער זיי פארשפרייט און אוועקגענומען איינער פון דעם אנדערן. און מכלל לאו אתה שומע הן, דאס לערנט אונז אז דאס זענען די צוויי הויפט יסודות וואס די מענטשן פונעם דור הפלגה וואלטן געדארפט טוען, ווען א מענטש איז אין א מצב פון טוען אבער ער ווייסט נישט וואס צו טוען, דארף ער צום ערשט הערן, הערן און נעמען הדרכה פון ווער עס קען אים לערנען דעם דבר השם, און דערנאך באלאנגן צו א חבורה, צו א סביבה, צו א בית המדרש, וואו די סביבה וועט משפיע זיין אויף אים לטובה. ויה"ר אז מיר זאלן זוכה זיין צוזאם צוברענגן די צוויי חלקים דער משפיע מיטן מקבל און לעבן א לעבן פון דביקות בה'.

## א לעבטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק" דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com